בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מטות מסעי תשע"ז | שבת חזק | גליון 370 [שנה ח']

פרשת מטות מסעי לבני חו"ל ופרשת מסעי לבני א"י

**לפרשת מטות - כל דעביד רחמנא לטב עביד**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה׳: (ל ב) די מפרשים פרעגן אז דער ווארט לֵאמֹר איז איבעריג ווייל עס שטייט שוין וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת אז משה זאל זאגן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל? אויך איז שווער פארוואס שטייט די ווארט "לֵאמֹר" אינמיטן פסוק און נישט ביים ענדע נאך אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ "לֵאמֹר"? נאר חז"ל לערנען אונז (ברכות דף ס:) לעולם יהא אדם רגיל לומר, אז א איד דארף זאגן, כל דעביד רחמנא לטב עביד, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט א מענטש איז פאר זיין טובה, ווייל עס שטייט (ויקרא יט טו) לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט, דאס קען זיין דעם רמז אין פסוק, משה רבינו ע"ה רבן של כל ישראל לערנט לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל, אז לֵאמֹר, מען זאל שטענדיג זאגן זֶה הַדָּבָר, יעדן זאך וואס איז געשען מיטן מענטש, אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ האט דער אויבערשטער אזוי באפוילן, און דער אויבערשטער טוט נאר גוט'ס מיטן מענטש. (תפארת שמואל – אלכסנדר)

**סמיכות פרשת נדרים צו פרשת פינחס**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה וגו׳ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ אִישׁ כִּי־יִדֹּר נֶדֶר לַה׳ וגו׳ לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה: (ל ב –ג) צו פארשטיין די סמיכות פון די פרשה פון נדרים צום פריערדיגן פרשה? בפשטות איז ווייל פ׳ פינחס ענדיגט זיך מיט אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַה׳ בְּמוֹעֲדֵיכֶם לְבַד מִנִּדְרֵיכֶם וְנִדְבֹתֵיכֶם: ממילא אז מען דערמאנט נדרים און נדבות זאגט מען שוין זייערע דינים, אבער מען קען זאגן נאך א טיפערן כוונה, ווייל אין פ׳ פינחס שטייט דערמאנט אלע ימים טובים, און עס זענען דא אסאך עליות וואס מענטשן זאגן צו נדרים ונדבות און אויך דער מנהג איז צו מזכיר זיין די נשמות אין די לעצטע טעג פון יום טוב און אין יו"כ, און מען זאגט דאך צו צדקה פאר די נשמות, דעריבער דערמאנט מען ענדע פון פ׳ פינחס לְבַד מִנִּדְרֵיכֶם וְנִדְבֹתֵיכֶם מרמז זיין די אלע נדרים און נדבות פון די עליות און פאר די נשמות, כִּי־יִדֹּר נֶדֶר, לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ, נאר כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה, גלייך געבן פאר די גבאי צדקה. (תרחם ציון)

**למעט בדיבור בחודש אלול**

לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה: (ל ג) זאגט רש"י לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ – כמו לא יחלל דברו, לא יעשה דבריו חולין. עס איז ידוע אז חסידים ואנשי מעשה האבן ווייניג אדער בכלל נישט גערעדט אין חודש אלול כדי צו מאכן א הכנה צו די הייליגע טעג. דאס קען זיין די רמז דא, ווייל די סופי תיבות לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל איז אלו"ל, וואס רש"י זאגט מען זאל נישט רעדן דברי חולין נאר כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו פון אויבערשטן, יַעֲשֶׂה, אז אין חודש אלול דארף מען נאר טאן מצוות און מעשים טובים. (תרחם ציון)

**פארוואס שטייט אחר תאסף ולא לפני תאסף**

נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ: (לא ב) לכאורה איז שווער ווייל אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז משה זאל נקמה נעמען פון מדין וואלט דאס געדארפט זיין גלייך ווען ער לעבט נאך, און וואלט געדארפט שטיין נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל "לִפְנֵי" תֵּאָסֵף און נישט "אַחַר" תֵּאָסֵף? נאר מען קען זאגן אז דער אויבערשטער האט דא מרמז געווען צו משה רבינו אז אזוי ווי ער האט שטענדיג ממליץ טוב געווען פאר די אידן ביי זיין לעבן און געפירט מלחמות מיט די פעלקער און האט זיי מנצח געווען, אזוי אויך זאל ער ווייטער טאן, נְקֹם נִקְמַת "אַחַר" תֵּאָסֵף, ער זאל מתפלל זיין און העלפן די אידן פון די מקטריגים און מנצח זיין די פעלקער, מען קען אויך מוסיף זיין אז די ווארט הַמִּדְיָנִים איז פון די לשון (משלי י"ח י"ט) וּמִדְיָנִים כִּבְרִיחַ אַרְמוֹן, און רש"י טייטשט, ומריבה שביניהם, מפרידתם לעולם, טוט אייך אפשיידן, כבריח זה, די שלאס, שנועלים בו שערי ארמון, מען פארשליסט די טויערן פון א פאלאץ, שלא יכנסו בו, זעהט מען אז די ווארט מִדְיָנִים איז א לשון פון מחלוקת און קריגעריי, דאס אויך האט דער אויבערשטער געוואלט פון משה, אז ער זאל ארבעטן פון אויבן אפצושטעלן מחלוקת. (תפארת שמואל – אלכסנדר)

**א אינטרעסאנטע דיוק לפרשת מטות פארוואס שטייט ויאמר און נישט ויאמרו**

וַיֹּאמֶר בְּנֵי־גָד וּבְנֵי רְאוּבֵן אֶל־מֹשֶׁה לֵאמֹר עֲבָדֶיךָ יַעֲשׂוּ וגו׳: (לב כה) א פליאה עצומה אז עס שטייט בני גד און בני ראובן האבן געזאגט וואלט געדארפט שטיין וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי־גָד וּבְנֵי רְאוּבֵן און נישט וַיֹּאמֶר? נאר די תורה איז מעיד (דברים לג כ) וּלְגָד אָמַר בָּרוּךְ מַרְחִיב גָּד כְּלָבִיא שָׁכֵן "וְטָרַף זְרוֹעַ אַף קָדְקֹד" זעהט מען די גבורה פון גד, דעריבער ווען משה האט זיי געבעטן גיין מלחמה האט גד, די גיבורים, גלייך מסכים געווען און נאכדעם האבן שוין אויך בני ראובן מסכים געווען, דעריבער שטייט נאר וַיֹּאמֶר פריערט בני גד אליין. מען קען אויך ענטפערן לויט וואס דער הייליגער רמב"ם זאגט (הל׳ דעות) אז א מענטש דארף אלעמאל גיין בדרך הממוצע דאס מיינט למשל א מענטש זאל נישט זיין א פזרן און אויך נישט א קמצן און אזוי ביי יעדע מדה, ממילא ביי ראובן וואס יעקב אבינו האט אים געגעבן מוסר פַּחַז כַּמַּיִם אַל־תּוֹתַר (בראשית מט ד) ער האט געטאן א זאך צו שנעל, ממילא דא ביי משה וואס בעט בני ראובן גיין צו די מלחמה האט ראובן געדארפט גיין מיט געלאסנקייט און זיך איבער רעכענען און נאכדעם מסכים זיין דעריבער שטייט וַיֹּאמֶר צוליב די בְּנֵי־גָד. (תפארת עוזך)

**לפרשת מסעי**

וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה ה׳ בָּהֶם כָּל־בְּכוֹר וּבֵאלֹהֵיהֶם עָשָׂה ה׳ שְׁפָטִים: (לג ד) דער פסוק דארף א ביאור ווייל וואס איז דער המשך און סמיכות פון באגראבן זייערע בכורים צו זייער אפגעטער? נאר עס שטייט (שמות יא ה) וּמֵת כָּל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבְּכוֹר פַּרְעֹה וגו׳ וְכֹל בְּכוֹר בְּהֵמָה. קומט אויס אז צווישן די בכור בהמה איז געווען די טלאים וואס זענען די אפגעטער פון מצרים, און אלץ כבוד האבן זיי געמוזט באגראבן די טלאים אזוי ווי די בכור אדם, פארשטייט זיך שוין די פסוק וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים, סיי אֲשֶׁר הִכָּה ה׳ בָּהֶם כָּל־בְּכוֹר, זייערע בכורים, און אויך באגראבן זייער אֱלֹהֵיהֶם, ווייל ביי זיי אויך עָשָׂה ה׳ שְׁפָטִים. (תפארת עוזך)

**תורה האלט אפ פון רעדן לשון הרע**

וַיִּסְעוּ מֵחֲצֵרֹת וַיַּחֲנוּ בְּרִתְמָה: (לג יח) דער הייליגער אור החיים אנפאנג פ׳ דברים שרייבט איז דער ווארט חֲצֵרֹת איז מרומז צו די תורה הק׳ אזוי ווי עס שטייט (תהלים פד יא) כִּי טוֹב־יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ, און עס שטייט אין מדרש שוחר טוב: לא ניתן הקב"ה התורה לישראל אלא כדי שלא יהיו מדברים לשון הרע, די תורה איז געגעבן געווארן כדי מען זאל נישט רעדן לשון הרע! קומט אויס אז די עצה פון זיך אפהאלטן פון צו רעדן לשון הרע איז נאר דורך לימוד התורה, און רִתְמָה מיינט זיך צו פארמאכן די מויל אזוי ווי א רֶתֶם פון א בהמה, דאס שטייט אין פסוק וַיִּסְעוּ מֵחֲצֵרֹת, אז א מענטש גייט אוועק פון לימוד התורה, וועט זיין וַיַּחֲנוּ בְּרִתְמָה מען וועט רוהען און חלילה רעדן לשון הרע, (תנופה חיים –פאלאג׳י) דעריבער זאל א מענטש ליגן אין לערנען און ממילא וועט ער נישט קומען צו רעדן וואס מען דארף נישט! דער הייליגער רמב"ם זאגט אז אלע עבירות קומען נאר דער וואס איז פנוי פון תורה. (המו"ל)

**א אינטרעסאנטע ידיעה לפרשת מסעי**

ביי די אלע מסעות טרעפט מען נישט דער אות "זיין"! נאר חז"ל זאגן אז אלע די מסעות זענען נאר געווען אין מיטן פון די וואך, און אין שבת האט מען גערוהט. דעריבער לויט דעם קען מען זאגן אז די אות "זיין" איז דאך מרומז אויף שבת קודש, דער יום השביעי, דעריבער שטייט נישט אות "זיין" ביי די מסעות דאס מרמז צו– זיין. (גליון דברים טובים)

## מדור העובדות

## הרה"ק ר' שלמה מקארלין העכערט א יונגערמאן צו ווערן פון די בני עליה

כ"ב תמוז איז געווען די יארצייט פון הייליגן ר' שלמה מקארלין זצוק"ל ער האט צו זיך געצויגן הייליגע תלמידים ווי די שרף פון סטרעליסק, דער לעכעוויטשער דער סטרעטענער און נאך. אין שטאט בארדיטשוב איז געווען א יונגערמאן געהייסן האט ער ר' מאיר וואס איז געווען א עובד ה', און א תלמיד חכם בנגלה און בנסתר, ער האט געלערנט אין די הייליגע ספרים אז אין יעדן דור זענען דא בני עליה צדיקים וואס קענען אריינגיין אין גאר הויכע ערטער אן בעטן רשות, און ער האט געוואלט טרעפן דעם צדיק. זיין טאטע און שווער זענען געווען גרויסע עשירים און למדנים אבער אויך גרויסע מתנגדים און האבן נישט מסכים געווען ער זאל זיך ארויסלאזן פון שטאט. ביז ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און מיט די הסכמה פון זיין ווייב וואס האט געוואוסט אז זיין מדריגה אין עבודה איז מיט א אמת, איז ער אנטלאפן און איז געגאנגען זוכן דעם צדיק, אזוי איז ער געגאנגען פון איין שטאט צום צווייטן און חז"ל זאגן בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו מן השמים, און מען האט אים געפירט צו רבי שלמה קארלינער, ווען ער האט אים געזען האט ער מרגיש געווען אז דא איז דער צדיק, און איז געבליבן.

עס איז אריבער א שטיק צייט און ר' מאיר באקומט א בריוו פון זיין פרוי אז זייערע צוויי קינדער זענען קראנק געווארן און זי האט נישט מיט וואס זיך צו מפרנס זיין און זי האט נישט געלט פאר רפואה און דער מצב איז זייער שווער. ווען ער האט געליינט די בריוו איז זיין הארץ צוגאנגען, און איז גלייך אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל און ער האט אים געוויזן די בריוו, האט דער רבי געענטפערט אז ער קען גארנישט טאהן נאר ער זאל גיין צו ר' לוי יצחק אין פינסק [דער הייליגער בארדיטשובער זיע"א] און ער וועט דיר הייסן וואס צו טאן.

איז דער יונגערמאן געגאנגען צו ר' לוי יצחק און האט געזאגט אז הרה"ק ר' שלמה האט אים געשיקט צו אים, און האט געוויזן דעם בריוו און האט זיך צו וויינט, ר' לוי יצחק האט זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען און ער האט אים געזאגט, דיין רבי האט דיר נישט געוואלט זאגן, אבער איך וועל דיר יא זאגן: זאלסט וויסן אז די גאנצע עונש איז געקומען וועגן דעם וואס דו האסט ביי דיר אין רשות א כתב יד אין תורת הנסתר און דו האסט גרויס הנאה דאס צו לערנען, אבער דער מחבר איז געווען א גרויסע רשע, און איך בין דיר מבטיח, אויב דו וועסט דאס פארברענען, וועט דיין זון ווערן געזונט און וועסט זוכה זיין צו תורה און עשירות.

דער יונגערמאן איז צוריק געקומען צו ר' שלמה און געזאגט אז ער האט געוואוסט וועגן די כתבים אבער ער האט עס געהאלטן אז עס איז נישט אזוי שלעכט און אויך עס איז ווערד א הון רב פון געלט, און ער וויל וויסן פארוואס דארף ער דאס פארברענען? דער רבי זאגט אים אז אזוי ווי דער אויבערשטער האט דיר ביז יעצט געפירט אין די ריכטיגע וועג און ער ווייסט אז וואס ר' לוי יצחק האט דיר געזאגט איז אמת, און זאלסט אים פאלגן וועט אלע ברכות קומען אויף דיר, און ר' מאיר נעמט די כתבים אוןווארפט דאס אריין אין פייער, ר' מאיר איז געבליבן 6 וואכן און רבי שלמה אים אהיים געשיקט מיט פול ברכות.

ער איז אהיים געקומען צו געזונטע קינדער, איינמאל איז ער געפארן אויפ'ן וועג צו האנדלן מיט סחורה. אין מיטן וועג איז ער אנגעקומען צו א קרעטשמע וואס צווישן די געסט איז אנגעקומען ארימעלייט, און ער האט געלייגט א אויג אויף איינער פון די ארימעלייט וואס האט געהאט א שטארקן הדרת פנים און ער האט געזען ווי ער דערנענטערט זיך צום בעל אכסניא צו קויפן א ברויט, אבער ער וויל נישט נעמען די ברויט, נאך דעם האט ר' מאיר מתבונן געווען וואס איז דא געשען? קודם האט ער יא מסכים געווען און נאך דעם האט ער נישט געוואלט נעמען די ברויט. האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטער מענטש און איז געגאנגען צום ווייב פון בעל אכסניא און געפרעגט צו זי האט אפגעשייד חלה? האט זי געענטפערט אז איר שנור האט אפגעשייד חלה, האט ער געהייסן מען זאל איר רופן, האט ער איר געפרעגט צו זי האט אפגעשייד חלה? האט זי געזאגט אז איר שוויגער שייד אפ חלה, האט ר' מאיר געזען אז דער ארימאן האט נישט געוואלט עסן פון די ברויט ווייל ער האט געזען אז מען האט נישט מפריש געווען חלה, גייט ר' מאיר זוכן דער ארימאן און פרעגט וואו ער איז? האבן זיי געזאגט אז אפאר מאל איז ער אין וואלד און נאך דעם קומט ער צוריק! האט ר' מאיר געפרעגט אין וועלכע וואלד? און ער איז אים געגאנגען זוכן.

ער איז געגאנגען פון איין וואלד צו די אנדערע ביז ער האט אים געטראפן זיצן ביי א האליץ און ער איז געווען זייער פארטראכט, ר' מאיר איז צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט וואס איז זיין נאמען האט ער געפרעגט פארוואס דארפסטו וויסן? האט ר' מאיר געענטפערט: איך בין געווען צוויי יאר ביי מיין רבי ר' שלמה אין קארלין און דארטן האב איך געלערנט צו פארשטיין אויף מענטשן און איך זע אויף דיין פנים אז דו ביסט פון די באהאלטענע צדיקים! האט ער אים געזאגט מיין נאמען איז לייב שרה'ס, און דו האסט געהאט די זכיה מיר צו זען ווייל דו האסט זיך צו געהערט וואס ר' לוי יצחק האט דיר געזאגט און האסט פארברענט דיינע כתבים, און איך וועל דיר דערציילן א סוד אז מיין גיין אין גלות איז צו מתקן זיין וואס יענער רשע האט קיילא געמאכט! ר' מאיר איז נתפעל געווארן פון די רייד פון ר' לייב שרה'ס, און געבעטען א ברכה פון אים, ר' מאיר האט געהאט גרויס הצלחה אין זיינע געשעפטן, און איז ארויף געפארן קיין ארץ ישראל וואו ער איז אויסגעשטיגן און געווארן פון די בני עליה, און ער האט אויך דערציילט דער גאנצע סיפור צום הרה"ק ר' משה צבי מסאווראן זיע"א. (שמע שלמה - פרי ישע אהרן)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמורי"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפל זיי באקומען און וועגן וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גזע אדמור"י צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תהלים פון הרה"ק ר' שלום שניצלער מטשאבא $1000 ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, סעט סופרים וספרים של הר' שלמה זוין $200 ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומאראנטן $1000, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל,* תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א מטבע לכבוד דער ליובאוויטשער רבי $100 א בול-סטעמפ - לכבוד חתם סופר $50 קינות לתשעה באב דפוס זיטאמיר $1800 קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**--Please call us or email or fax and we will try to have the Gilyon delivered to your bungalow colony or camp.** אדער אויף לדעת- מיר ווינטשן אלע א געזונטע זוממער